בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די
זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א,
שבת קודש פרשת שלח, שנת תשפ"א
לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## שבת קודש פרשת שלח, שנת תשפ״א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר״ן, סימן סח.

רבי נתן שרייבט: ״הִזְהִיר מְאֹד כַּמָּה פְּעָמִים עַל עִנְיַן הַשִּׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ שֶׁכָּל אָדָם יְדַבֵּר וְיָשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ״, דער רבי האט גאר אסאך גערעדט פון דעם ענין פון רעדן און זיך אויסשמועסן דאס הארץ מיט'ן אייבערשטן, ״וְיִיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב - מַה הוּא עוֹשֶׂה בָּעוֹלָם הַזֶּה. וִירַחֵם עַל עַצְמוֹ וְיִפְרֹשׂ כַּפָּיו בְּתַחֲנוּנִים וּפִיּוּסִים לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּזַכֵּהוּ בְּרַחֲמָיו הַמְּרֻבִּים לְהִתְקָרֵב לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. וְיִשְׁתַּדֵּל לְהַמְצִיא לוֹ טְעָנוֹת וּבַקָּשׁוֹת עַל זֶה״. דער מענטש זאל רחמנות האבן אויף זיך, ער זאל זיך גוט מיישב זיין 'וואס טו איך דא אויף דער וועלט?' און בעטן דעם אייבערשטן מיט רחמנות: ״רבונו של עולם האב שוין רחמנות אויף מיר, זיי מיר מקרב צו דיר״. ״וְעִנְיַן שִׂיחָה זוֹ יִהְיֶה בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ״, מען זאל רעדן צום אייבערשטן אויף מאמע לשון - אויף די שפראך וואס מען איז צוגעוואוינט צו רעדן.

״וּכְבָר מְבֹאָר זֹאת בַּסְּפָרִים הַנִּדְפָּסִים (לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא, סִימָן כה)״. דאס איז שוין מבואר אין ליקוטי מוהר״ן (חלק ב', סימן כה), ״אֲבָל יוֹתֵר מִזֶּה, הִרְבָּה לְדַבֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה״, אבער דער רבי האט גערעדט פון דעם ענין נאך מער וויפיל עס איז געדרוקט אין זיינע ספרים. ״כִּי מִי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ בְּכָל יוֹם, עַל־כָּל־פָּנִים שָׁעָה אַחַת, בְּוַדַּאי יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת״. ווייל ווער עס געוואוינט זיך דאס צו טון יעדן טאג, על כל פנים איין שעה, וועט צום סוף זיכער זוכה זיין מקורב ווערן צום אייבערשטן באמת. ״וְאַף אִם לִפְעָמִים הוּא רוֹאֶה שֶׁמְּקַיֵּם הַנְהָגָה זוֹ יָמִים וְשָׁנִים וְאַף־עַל־פִּי־כֵן עֲדַיִן לֹא זָכָה לְהִתְקָרְבוּת כָּרָאוּי״, און אפילו ער זעט ער איז מקיים דעם הנהגה גאר א לאנגע צייט, לאנגע טעג און יארן, און עס האט גארנישט אויפגעטון, ער שפירט

נאכנישט קיין אמת'ע התקרבות צום אייבערשטן, "אַף־עַל־פִּי־כֵן יְחַזֵּק עַצְמוֹ יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי סוֹף כָּל סוֹף יוֹעִיל לוֹ בְּוַדַּאי". פון דעסט וועגן זאל ער זיך זייער מחזק זיין, און זיך ווייטער פירן אזוי, ווייל סוף כל סוף וועט דאס זיכער העלפן.

"וְאָמַר: שֶׁדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, יִסֵּד מִזֶּה סֵפֶר תְּהִלִּים", און דער רבי האט געזאגט: די גאנצע 'ספר תהלים' האט דוד המלך געמאכט פון זיין התבודדות מיט'ן אייבערשטן. "וְאָמַר, שֶׁעִקַּר הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָיָה עַל מִטָּתוֹ, בְּעֵת שֶׁשָּׁכַב עַל מִטָּתוֹ וְכִסָּה עַצְמוֹ בְּסָדִין, אָז הָיָה מְדַבֵּר וּמֵשִׂיחַ כָּל לִבּוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי בְּדִמְעָתִי" וְכוּ'", דוד המלך האט געמאכט זיין התבודדות אין בעט; ווען ער איז געליגן אין בעט האט ער זיך ארויפגעצויגן זיין דאכענע און אנגעהויבן שמועסן מיט'ן אייבערשטן, ער האט דערציילט זיין גאנצע הארץ פאר'ן אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים ו, ז): "אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי וגו'", איך מאן יעדע נאכט שווימען מיין בעט אין מיינע טרערן. "אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לְקַיֵּם הַנְהָגָה זוֹ הָעוֹלָה עַל הַכֹּל", וואויל איז דער מענטש וואס טוט זיך צוגעוואוינען מקיים זיין דעם הנהגה, וואס איז העכער פון אלעם. "וְעַיֵּן בְּסֵפֶר לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא בְּדַף ל"ב (מִסִּימָן צג וָהָלְאָה) וְשִׂים לִבְּךָ לְכָל מַה שֶּׁנֶּאֱמַר שָׁם בְּעִנְיָן זֶה, וְתַרְגִּיל עַצְמְךָ לְקַיֵּם הַדְּבָרִים הַנֶּאֱמָרִים שָׁם", קוק אריין אין ליקוטי מוהר"ן (חלק ב, פון סימן צג און ווייטער) און לייג צו דיין הארץ צו אלעס וואס שטייט דארט און געוואוין זיך צו דאס מקיים צו זיין. "וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲזֹר בְּכָל פַּעַם שֶׁתִּזְכֶּה לִפְתֹּחַ פִּיךָ שֶׁתּוּכַל לִפְרֹשׂ שִׂחָתְךָ לְפָנָיו בֶּאֱמֶת", דער אייבערשטער זאל העלפן יעדעס מאל וואס דו וועסט עפענען דיין מויל זאלסטו זיך גוט קענען אויסשמועסן דיין גאנצע הארץ צום אייבערשטן מיט אן אמת.

## ישוב הדעת

האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן: דער רבי זאגט דא:

"וְיֵשֵׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב - מַה הוּא עוֹשֶׂה בָּעוֹלָם הַזֶּה. וִירַחֵם עַל עַצְמוֹ וְיִפְרֹשׂ כַּפָּיו בְּתַחֲנוּנִים וּפִיּוּסִים לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּזַכֵּהוּ בְּרַחֲמָיו הַמְּרֻבִּים לְהִתְקָרֵב לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. וְיִשְׁתַּדֵּל לְהַמְצִיא לוֹ טְעָנוֹת וּבַקָּשׁוֹת עַל זֶה". דער מענטש זאל רחמנות האבן אויף זיך, ער זאל זיך גוט מיישב זיין 'וואס טו איך דא אויף דער וועלט?' און בעטן דעם אייבערשטן מיט רחמנות: "רבונו של עולם האב שוין רחמנות אויף מיר, זיי מיר מקרב צו דיר".

דאס איז זייער א וויכטיג זאך, ווייל היינטיגע צייטן לעבן רוב מענטשן א פאריאגטע לעבן, מען איז פאריאגט און פארפלאגט מיט די פרנסה וכו', ביז דער מענטש האט אפילו נישט איין מינוט אין טאג וואס ער זאל זיך אפשטעלן און זיך מיישב זיין: "וואס טו איך דא אויף דער וועלט?" דער מענטש קומט נישט אן טראכטן פונעם 'תכלית', אמת איך מוטשע זיך אזוי שטארק דא אויף דער וועלט, אבער וואס וועט זיין מיט מיר אויף יענע וועלט, איך דארף דאך האבן תורה און מעשים טובים מיטצונעמען אויף יענע וועלט, דערפאר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל האבן ישוב הדעת, איך זאל זיך קענען אביסל מיישב זיין און אריינטראכטן וואס איך טו דא אויף דער וועלט, איך זאל אריינכאפן אמת'ע תכלית וואס איך וועל מיטנעמען אויף יענע וועלט".**

א מענטש דארף זיך מאכן א חשבון 'וואס בלייבט איבער פון א מענטש? וואס נעמט מען מיט אויף יענע וועלט? דאס ביסל גוטס וואס איך כאפ דא אריין - דאס וועל איך מיטנעמען אויף יענע וועלט, דאס ביסל חומש, משניות און גמרא, די פאר קאפיטלעך תהלים וואס איך זאג יעדן טאג - דאס וועל איך מיט נעמען אויף יענע וועלט'.

## נאר התבודדות

זאגט רבי נתן ווייטער: "אֲבָל יוֹתֵר מִזֶּה, הִרְבָּה לְדַבֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה", אבער דער רבי האט גערעדט פון דעם ענין נאך מער וויפיל עס איז געדרוקט אין זיינע ספרים.

מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט: עס איז נישט געווען קיין איין תורה און קיין איין שיחה וואס דער רבי זאל דערביי נישט רעדן פון 'התבודדות'; אפילו ווען דער רבי האט גערעדט מיט מענטשן פון סתם וועלטליכע זאכן, ווי נייעס וכדומה, איז אלעס געווען מיט'ן ציל אריינצוברענגען אינעם מענטש די זאך פון התבודדות, ער זאל אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, דער רבי האט אלץ מיט חכמה אריינגעדריידט אינעם שמועס די זאך פון התבודדות. און מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט דאס אויך זאגן אויף זיך: "ווען איך רעד מיט א מענטש האב איך דערביי איין כוונה, אז יענער זאל אנהייבן רעדן צום אייבערשטן", מוהרא"ש האט גערעדט מיט יעדן איינעם אויף זיין סארט שפראך כדי צו כאפן דעם מענטש, ער זאל אויך אנהייבן רעדן צום אייבערשטן.

## זאג ארויס 'איין ווארט' צום אייבערשטן

זאגט רבי נתן ווייטער: "כִּי מִי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ בְּכָל יוֹם, עַל־כָּל־פָּנִים שָׁעָה אַחַת, בְּוַדַּאי יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת". ווייל ווער עס געוואוינט זיך דאס צו טון יעדן טאג, על כל פנים איין שעה, וועט צום סוף זיכער זוכה זיין מקורב ווערן צום אייבערשטן באמת.

דער רבי זאגט דא מען זאל רעדן צום אייבערשטן על כל פנים במשך 'איין שעה', פלעגט אבער מוהרא"ש זאגן: "לכתחילה זאל מען זיך טאקע מתבודד זיין איין שעה אין א צו, און אז עס מען קען דאס נישט טון אין איין צו, זאל מען דאס טון דריי מאל א טאג פאר צוואנציג מינוט, צוזאמען איז דאס איין שעה, און אז דאס איז אויך שווער זאל מען זיך

מתבודד זיין פאר פינף מינוט!"; איך בין שטענדיג מוסיף דערויף, דאס האט מוהרא"ש געזאגט אמאל, אבער היינט איז שוין פינף מינוט אויך שווער, דערפאר זאל מען כאטש רעדן 'איין מינוט' צום אייבערשטן, און אז מען קען דאס אויך נישט זאל מען כאטש ארויסזאגן 'איין ווארט' צום אייבערשטן!

אויך קען מען זאגן, דאס ווארט: "שָׁעָה אַחַת" - קען מיינען 'איין צייט', דאס מיינט דער מענטש זאל זיך באשטימען א צייט וואס דעמאלט רעדט ער צום אייבערשטן, נישט קיין חילוק ווילאנג עס איז.

## ימים ושנים

זאגט דער רבי ווייטער: "וְאַף אִם לִפְעָמִים הוּא רוֹאֶה שֶׁמְּקַיֵּם הַנְהָגָה זוֹ יָמִים וְשָׁנִים וְאַף־עַל־פִּי־כֵן עֲדַיִן לֹא זָכָה לְהִתְקָרְבוּת כָּרָאוּי", און אפילו ער זעט ער איז מקיים דעם הנהגה גאר א לאנגע צייט, לאנגע טעג און יארן, און עס האט גארנישט אויפגעטון, ער שפירט נאכנישט קיין אמת'ע התקרבות צום אייבערשטן, "אַף־עַל־פִּי־כֵן יְחַזֵּק עַצְמוֹ יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי סוֹף כָּל סוֹף יוֹעִיל לוֹ בְּוַדַּאי". פון דעסט וועגן זאל ער זיך זייער מחזק זיין, און זיך ווייטער פירן אזוי, ווייל סוף כל סוף וועט דאס זיכער העלפן.

דער רבי רעדט דא פון איינעם וואס איז זיך שוין מתבודד מיט'ן אייבערשטן 'ימים ושנים', פאר לאנגע טעג און יארן, זאגט דער רבי אפילו ער זעט נאכנישט זיין ישועה, ער שפירט נאכנישט קיין התקרבות צום אייבערשטן דאך זאל זיך מחזק זיין און ווייטער רעדן צום אייבערשטן, ווייל סוף כל סוף וועט דאס אים העלפן; דארפן מיר וויסן, מיר האלטן נאכנישט ביי התבודדות פון 'ימים ושנים', קוים וואס מיר קענען זיך אראפזעצן פאר איין מינוט און רעדן צום אייבערשטן, דארפן מיר זיך זיכער שטארקן און גלייבן אז אפילו מען זעט נישט די

ישועה, מען איז נאכאלץ ווייט פונעם אייבערשטן, מען פאלט נאכאלץ אראפ אין שלעכטע זאכן רחמנא לצלן, דאך זאל מען זיך מחזק זיין און ווייטער גיין צום אייבערשטן זיך בעטן ער זאל האבן רחמנות, און צום סוף וועט מען זיכער געהאלפן ווערן ארויסצוגיין פון אלע שלעכטס און פראבלעמען.

## וואס טוסטו אין בעט?!

זאגט דער רבי ווייטער: "וְאָמַר: שֶׁדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, יִסֵּד מִזֶּה סֵפֶר תְּהִלִּים", און דער רבי האט געזאגט: די גאנצע 'ספר תהלים' האט דוד המלך געמאכט פון זיין התבודדות מיט'ן אייבערשטן. "וְאָמַר, שֶׁעִקַּר הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָיָה עַל מִטָּתוֹ, בְּעֵת שֶׁשָּׁכַב עַל מִטָּתוֹ וְכִסָּה עַצְמוֹ בְּסָדִין, אָז הָיָה מְדַבֵּר וּמֵשִׂיחַ כָּל לִבּוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי בְּדִמְעָתִי" וְכוּ'", דוד המלך האט געמאכט זיין התבודדות אין בעט; ווען ער איז געליגן אין בעט האט ער זיך ארויפגעצויגן זיין דאכענע און אנגעהויבן שמועסן מיט'ן אייבערשטן, ער האט דערציילט זיין גאנצע הארץ פאר'ן אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים ו, ז): "אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי וגו'", איך מאן יעדע נאכט שווימען מיין בעט אין מיינע טרערן.

זעט מען וואס צדיקים טוען אין בעט, זיי דעקן זיך איבער מיט די דאכענע און גיסן זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן; אבער היינטיגע צייטן האבן מיר א שרעקליכע נסיון, א גרויסע צרה, דאס איז דער טעלעפאן, ווען א מענטש ווערט צוגעקלעבט דערצו קען ער זיך מער נישט שיידן דערפון, ער נעמט דאס מיט פיר און צוואנציג שעה וואו ער גייט, אפילו אין בעט נעמט ער דאס מיט, ער מוז דאס האלטן מיט זיך אפשר וועט ער באקומען נאך א קליפ... יעדע מינדעסטע קלינג וואס ער הערט, לויפט ער גלייך צום טעלעפאן קוקן, אפשר וועט ער זען נאך א נייעס וואס טוט זיך אויף די וועלט...

עס איז אזא רחמנות אויף אים, דער מענטש וואלט דאך געדארפט ארויסווארטן א גאנצן טאג אויפ׳ן געלעגנהייט וואס ער גייט שוין קענען פארמאכן זיין טעלעפאן, ער זאל קענען האבן אביסל רואיגקייט; מען זעט מענטשן ווערן זייער פארלוירן ווען די בעטערי לויפט אויס פון זייער טעלעפאן, ער לויפט ארום זוכן וואו ער קען עס צוריק אנפילן, ער וואלט זיך דאך יעצט געדארפט פרייען, ברוך השם קיינער קען מיר נישט יעצט שטערן, איך האב יעצט אפאר רואיגע מינוט וואס מיין טעלעפאן ארבעט נישט, אנשטאט דעם זוכט ער נאר ווי אזוי צו מאכן אז זיין טעלעפאן זאל ארבעטן. פארוואס נעמסטו בכלל אהיים דיין טעלעפאן אין שטוב, מילא אין דזשאב - דארט דארפסטו עס האבן פאר דיין פרנסה, אבער ווען דו קומסט אהיים פארמאך דיין טעלעפאן און זיץ רואיג מיט דיין ווייב און קינדער, פארברענג מיט זיי.

אבער מיטנעמען די טעלעפאן אין בעט - דאס האט שוין בכלל נישט קיין שכל! וואס גייט פאר מיט דיר, דיין טעלעפאון איז דיר מער ווערד פון דיין ווייב?! דיין ווייב ווארט אויף דיר, זי וויל זיין מיט דיר, זי וויל פארברענגען מיט דיר, און דו קענסט נאכנישט אראפ לייגן דיין טעלעפאן?! עס איז אזא ווייטאג, איך באקום בריוון פון פרויען, זיי שלאפן נישט גאנצעטע נעכט, זיי וויינען און קלאגן זיי האבן נישט קיין מאן, דער מאן איז פארנומען פיר און צוואנציג שעה מיט זיין טעלעפאן, יעדע שטות, יעדע קליפ איז אים מער אינטערעסאנט ווי זיין ווייב.

לאמיר פאלגן דעם רבי׳ן, לאמיר אנהייבן רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג אפאר מינוט; אנשטאט זיך שפילן מיט׳ן טעלעפאן אין בעט - טו דאס וואס דוד המלך האט געטון, דעק זיך איבער מיט דיין דאכענע און הייב אן רעדן צום אייבערשטן, דאנק אים פאר דיין טאג וואס איז אריבער, און אויב האסטו געטון זאכן וואס איז נישטגעווען לויט דיין ווילן דאן בעט אים איבער, און זאג פאר׳ן אייבערשטן אז מארגן וועט

זיין בעסער, בעט אים דו זאלסט מצליח זיין ברוחניות און בגשמיות.

## וויינען ביים באן סטאנציע

מען האט אמאל געטראפן א ברסלב'ער חסיד ווי ער שטייט און וויינט ווארטנדיג ביים באן סטאנציע, די מענטשן וואס זענען אים אריבער האבן אים געזען וויינען, האט מען אים געפרעגט: "פארוואס וויינסטו?" ער האט נישט געוואלט ענטפערן, ער האט זיך פרובירט ארויסצודרייען און נישט ענטפערן, אבער ווען מען האט געזען ווי דאס האלט אן פאר א לענגערע צייט האט מען אים זייער געמוטשעט ער זאל דערציילן וואס גייט פאר פארוואס ער וויינט, האט ער זיי געענטפערט: "איך וויין צום אייבערשטן; ווייל איך שטיי דא ביים באן סטאנציע און איך שפיר איך האב שווערע נסיונות אין שמירת עינים, עס איז מיר שווער דאס זיך היטן די אויגן, דערפאר וויין איך צום אייבערשטן איך בעט אים איך זאל זיך קענען שטארקן אויף מיין יצר הרע און אפהיטן מיינע אויגן". דאס לערנט אונז דער רבי אויס, מען שפירט מען איז אין א נסיון, דער יצר הרע וויל דיר אראפ ווארפן אין נישט גוטע זאכן רחמנא לצלן, הייב גלייך אויף דיינע אויגן צום הימל און בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט חס ושלום נישט דורכפאלן אין די עבירה, וועסטו זען אז דו וועסט פלוצלינג באקומען שטארקע כוחות פון הימל זיך צו קענען שטארקן אויף דעם נסיון.

דו גייסט אין גאס און דו שפירסט ווי דו ווערסט פארברענט פון דיין יצר הרע, עס איז כמעט אוממעגליך זיך קענען אפהיטן די אויגן, די גוים גייען ארום אזוי ווי די חיות אין וואלד אינגאנצן אויסגעטון וכו', דער יצר הרע ברענט ווי א פייער ער וויל דיר מאכן זינדיגן רחמנא לצלן, שריי צום אייבערשטן: "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל זיך קענען ראטעווען פון מיין יצר הרע, איך שפיר ווי איך קען עס נישט דורכטראגן, העלף מיר איך זאל זיך קענען היטן מיינע אויגן איך זאל

נישט קוקן וואו דו לאזט נישט״, וועסטו זען אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן דו זאלסט זיך קענען שטארקן און היטן דיינע אויגן.

אזוי איז דא צענדליגער משלים וואו דער יצר הרע קומט אלץ אן און פלאקערט אויף א נסיון פאר׳ן מענטש, צום ביישפיל, דו זיצט אין אפיס ביי א קאמפיוטער, אדער דו זיצט אין א טראק צוזאמען מיט גוים, מיין נישט אז דו קענסט זיך נישט מתגבר זיין, נאר עפן דיין מויל און זאג ארויס א תפלה צום אייבערשטן, וועט דיר דער אייבערשטער העלפן און דו וועסט קענען בייקומען דיין נסיון.

דאס זעען מיר די וואך אין די סדרה; כָּלֵב האט געזען ווי יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן האט באקומען א ברכה פון משה רבינו: ״קָהּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים״, דער אייבערשטער זאל דיר העלפן פון די עצה פון די מרגלים, און ער האט נישט באקומען די ברכה, איז ער געלאפן קיין חברון מתפלל זיין ביים מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה ער זאל אויך געהאלפן ווערן, ער זאל נישט פארכאפט ווערן מיט די מרגלים זיך צו קריגן אויף משה רבינו, און דער אייבערשטער האט אים אויך געהאלפן אז ער איז טאקע געראטעוועט געווארן פון זיי; דאס איז די עצה וואס דער רבי לערנט אונז אויס, און דאס איז די איינציגסטע כח וואס מיר האבן קעגן אלע תאוות און נסיונות – צו בעטן דעם אייבערשטן, און אזוי קען מען געראטעוועט ווערן פון אלע שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.